NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05161

NOTEL UN MOTEL

Wilhelm Busch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילהעלם בוש

נאָטעל און מאָטעל

זעקס שטיפער-מעשה׳לאַך

פריי בעאַרבעט אין יודיש
דורך
יוסף טונקעל.

פאַרלאַג „ברידער לעווין-עפּשטיין און שותפים"
ווארשא 1920.

Drukarnia L. LEWIN-EPSTEIN
Warszawa, Pawia 38.

בעזעצט אין דער זעצעריי פון י. זעצער און ש. פרופעס לעשנא 6.

הַקְדָמָה.

איר האָט, קינדערלעך, דאָך זיכער
פיל געלייענט מַעשׂות, ביכער
וועגען שטיפערס און קונדסים,
ווייסע חֶברה, עַכבּרושים
און יונגאַטשעס אַלערליי, —
נאָר אַנטקעגען אָט די צוויי
שטיפער-יונגען, נאָטעל, מאָטעל,
זענען אַלע שטיפערס בָּטל.
מַמָש פייער! קאָך און ברען,
וואָס די וועלט האָט נישט געזעהן
און כְּדֵי איר זאָלט זיי קענען,
גוט דערקענען, ווער זיי זענען,
האָבען מיר אָט דאָ פון זיי
אָבגעמאָלט פּאָרטרעטען צוויי,
און אַהער אַריינגעשטעלט;
זאָל זיי זעהן די גאַנצע וועלט.



אַך, אִיז דאָס צעלאָזען, פויל —
נעמען נישט קיין וואָרט אין מויל,
נעמען נישט קיין בוך אין האַנד,
נאָר געררודערט נאָכאַנאַנד!
קריכען-אום אין אַלע לעכער,
קלעטערן אויף אַלע דעכער,
אויף די בוימער, אויף די צוימען,
רייסען בארען, עפעל, פלוימען.
כאָטש עס איז גאָר פרעמדע פּרות, —
מ'האָט קיין מורא פאַר עבֵרות.
עפּיס לערנען — גאָט בעהיט!
שרייבען, לייענען — דאָס ניט!
ס'איז דאָ בילכערע מְלָאכות:
רייסען, פליקען, טון צו־להַכעיס.
אָבגיסען די קאַץ מיט טינט,
און זיך רייצען מיט די הינט,
אויף אַ צאַפּ זיך זעצען רייטען,
און נישט שעמען זיך פאַר לייטען,
נאָך חזירים זיך אומיאָגען,
און מיט אַלעמען זיך שלאָגען.
קורץ, וואָס זאָלען מיר אייך זאָגען —
ס'איז פון זיי נישט אויסצוטראָגען!

נאָר דערפאַר, אוי, האָט מען זיי
גוט פערגעבען, אָך און וועה!
נעבעך מיאוס אָבגעשניטען!
און כּדי אייך צו פערהיטען,
קינדערלעך, פון אַזא שטראָף,
וועלען מיר אייך ביז'ן סוף

אויסדערצעהלען דאָ אין גראַמען,
ווי אַזוי געשפּילט צוזאַמען
האָבען אָט די שטיפֿערס קליינע,
און די מַעשים די נישט־שענע.

ערשטער קאַפּיטעל.

די אַלְמָנה מיט די עופות.

עופות איז אַ גוטע זאַך,
נאָר עס פאָדערט מיה אַ סך,
פאָדערט טִרחה און קלאָפּאָט:
היטען זיי אויף יעדען טראָט,
אַכטונג-געבען און בעזאָרגען
אויף דער נאַכט און אין פריהמאָרגען
נאָר דערפאַר איז דאָ פון זיי
אויך אַ נוץ: אַ פרישע איי
פרייטאָג חלה צו בעשמירען,
הינדעלעך אויף אויסצופירען. –
הינדעלעך, האָלובקעס, ווייך,
גאָלדען-פעדערלעך ווי רויך,
פישטשען, זינגען אַ מְחַיָה.
און די מאַמע-הון געטרייע
פּאַדעט, קוואָקעט: קאָ-קאָ-קאָ!
איז דען פרעהליכערעס דאָ?
ווילסטו, מאַכסטו דיר אַ מאכל–
אַ געבראָטענס און אַ יַיכעל.
פון די פעדערן – אַ קישען,
און אַ פלעדערוויש צום ווישען.
קורץ, די שענסטע – בעסטע גאָבען
קאָן מען פון די עופות האָבען.

אָט דיִדאָזיגע כּוּנה
האָט געהאַט אויך די אַלמָנה,
די אַלמָנה חַיה־שָׂרה. –

און פֿערפֿירט זיך, אָהן עַין־הָרע,
היִנער דרײַ און אויך אַ האָן
אַ בַּעל־גַאוה, אַ באַראָן!
מיט אַ רויטען קאַם, ווי פֿײַער,
אַ יונגאַטש, אַ ווילדער שרײַער,
שרײַט און מאַכט אַ וִיצֶעקו:
קוקורעקו! קוקוראַקו!



נאָטעל, מאָטעל שמאַיען-אום,
לויפען איבער שטאָט אַרום.
האָבען זיי זיך דאָס דערוואוסט.
און עס האָט זיך זיי פערגלוסט
עפּיס אָבצוטון אַ צָרה
דער אַלמָנה חַיה-שָרה.
נעמט מען לאַנגע פעדים צווי,
און מען בינט צוזאַמען זיי
אין דערמיטען, עס זאָל שטעקען,
ווי ביי צְלֶם׳ל, פיר עקען,
איצט צו אַלע די פיר עקלעך
ווערען צוגעבונדען ברעקלעך -
קליינע קאָרעקלעך פון פלאַשען,
כלומר׳שט סקאָרינקעס צום נאַשען.



אָט דאָס שפּילכעל שפּרייט מען אויס
נעבען דער אַלמָנה׳ס הויז,
און אַליין דאָך ציהט מען אָב,
שטעלען פיס און מאַרש - גאַלאָפּ!

גײעט דער האָן אַזױ און גײעט,
זעט ער ברעקעלעך צעשפּרײט,
מײנט ער, דאָס איז טאַקע ברױט,
כאַפּט אים אָן א גרױסע פרײד.
נעמט ער קרעען, רופען, שרײַען:
הוראַ! עס איז דאָ צו קײַען!
קוקורעקו! הינער, קינדער!
צו דער סעודה קומט געשװינדער!



קומען הינער פרײלעך, װאָרקען,
פּיקען, שלינגען-אײַן די קאָרקען.



נאָר די קאָרקען בלײַבען שטעהן
אין גאַרגערת, ווי אַ ביין.



ווייל מען זיך פונאַנדערגעהן,
לאָזט דער פאָדעם נישט, אָ ניין!



נעמען זיי זיך רײַסען, ציהען,
קודאַך! קודאַך! שרײַען, פליהען,



פליִהען, פלאַטערן און שטײַגען,
און פאַרטשעפּען זיך אָן צווײַגען.



בלײַבט מען הענגען אויף אַ בוים,
אַזש מען אָטעמט נעבעך קוים.

רוהיִג שלאָפט זיִך דיִ אַלמָנה,
ווײַס ניִשט פון קײַן שום סַכָּנה.



פלוצלונג הערט זיִ — וויִנד און ווײה! —
פון דיִ עופות אַ געשריִי,



לאָזט זיִ זיִך איִן דרויסען זעהן,
וואָס אַזוינס איִז דאָרט געשעהן.
ערשט אַנ׳אומגליִק, אוי, אַ בראָך!
איִרע עופות איִז עס דאָך!

איִרעֶ עוֹפוֹת העֶנגעֶן דאָרטעֶן,
העֶנגעֶן אוֹיף אַ בוֹים ;אין גאָרטעֶן.

כאַפּט זי גלייַך אַ מעֶסעֶר. שנייַדט
אָפּ דעֶם פּאָדעֶם און באַפרייַט
האָן און הינער פון אַ נוֹיט,
פון אַ ווילדעֶן שוועֶרעֶן טוֹיט.

לִיגֶען זַיי, דִי עוֹפוֹת, מִיד
אִין חַלָשוּת. מִיט אַ גְלִיד
קָאנֶען קוֹים אַ רִיר זִיךְ גֶעבֶּען.
לִיגֶען, פָאכֶען מִיט׳ן לֶעבֶּען.

אוּן דָאס ווַייבֶּעל ווַיינְט מִיט טְרֶערֶען,
ווַיינְט אוּן קְלָאגְט, נִישְט אוֹיפְצוּהֶערֶען:
„מַיינֶע עוֹפוֹת, מַיין נְשָמָה,
אַךְ, מַיין אֵיינְצִיגֶע נֶחָמָה!
אַךְ, ווָאס ווֶעל אִיךְ אִיצְטֶער טוּן,
אָהְן דִי הִינֶער, אָהְן דֶעם הָאן!“
אִיר גֶעווַיין אוּן ווֶעה-גֶעשְרַיי
בְּרֶעכֶען אוּנְז דָאס הַארְץ אוֹיף צְווַיי –
אוּן דֶערִיבֶּער, לִיבֶּע קִינְדֶער,
מַאכֶען מִיר אַ סוֹף אַצִינְדֶער.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער סוֹף פֿון די עוֹפות.

נאָר גענוג, אַ סוף זאָל ווערן.
פון געוויין און גיסען טרערען
וואָס וועט זיין דער פּועל־יוצא?
בעסער זוכען זיך אַן עֵצה,
וואָס נאָך איצטער קאָן מען טון
מיט די עופות, מיט דעם האָן.
בלייבט ביי איר פון אַלע זאַכען,
כאָטש אַ גוטען מאָלצייט מאַכען.
קוילען זיי – און אויס, אַ סוף –
זאָל כאָטש זיין אַ שטיקעל עוף
אויף דער וואָך און שַבּת אויכעט...
כאַפּט די עופות, פליהט צום שוחט.





כיק – געקוילעט! לויפט ז גיך,
לויפט געשווינד אַהיים צו זיך,
ברענגט די עופות אויפ'ן קיך.
פליקט און טרייבערט, זאַלצט און ווייקט,
אויף אַ גרויסער פאַן צעלגעט.
הייצט דערנאָך די פליטע אײַן,
זאָלען זיי זיך פרעגלען פײַן.
און איר האַרץ צעברעכט אין פײַן:
„עופות! ווערה צו מײַנע יאָרען,
וואָס פון זיי איז איצט געוואָרען!“

נאָטעל מאָטעל זעהען גוט
אַלץ, וואָס די אַלמָנה טוט.
טראַכט מען אָפּ שוין פון-דאָס-ניי
גאָר אַ שפּאָגעל שקאָצעריי:
פלינק מען איז שוין אויפ'ן דאַך
(ס'איז דאָך זיי נישט שווער קיין זאַך) –
וואַרפט מען אויגעלעך געניטע
דורכ'ן קוימען אויף דער פליטע.



זעהען זיי: די עופות ליגען,
פרעגלען זיך – אַ פאַרגעניגען!
זשומען, שיפּען מיט אַ ניגון,
און אַ ריח גיט אַ בלאָז –
ממש, אַזש ס'פאַרגעהט אין נאָז!



די אַלמָנה חַיה־שָׂרה
האָט שוין באַלד די גאַנצע
און דעם היזיק גאָר פֿאַרגעסן,
און זי מאַכט זיך גרייט צום עסן.

גענומט אַ לעפֿעל און אַ טעלער
און זי געהט אַראָפּ אין קעלער
נעמען ראָסעל דאָרט, צי קוואַס,
קרויט, אַן אוגערקע פֿון פֿאַס,
וואָרום זויערעס – דאָס גיט
צו צום עסן אַפּעטיט.

ס׳פּאָרעל אויבען טוט זיך קליגען,
ווי אַזוי אַרויסצוקריגען
דאָס געבראָטענס פון דער פּאַן.
זוכט מען, מאַכט מען זיך אַ פּלאַן:
מיט אַ ווענטקע צו דערלאַנגען —
עלעהיי, ווי פיש צו פאַנגען.
„עי, רֶבּ מאָטעל! זײַ אַ יונג,
גיב אַקאָרשט אַ פליה, אַ שפּרונג!״ —
פליהט שוין מאָטעל, ווי אַ אינד,
ברענגט אַ ווענטקעלע געשווינד;
וואַרפט מען עס אין קוימען גלייך,
טאַקי גאָר ווי אין אַ טייך.
גיט דאָס העקעלע אַ פּיק,
כאַפּט אַ הינדעל אָן און — טשיק!
ברענגט־אַרויפעט צוף נאָך צוף
און אַזוי זיך ביז׳ן סוף.
אויס, נישטאָ קיין עופות מער,
און די פאַן איז פוסט און לער.
בלויז דאָס הינטעל פון דער זייט
שטעהט און קוקט די גאַנצע צייט,
שטעהט און חידוש׳ט זיך און קוקט,
ווי עס ווערט דאָס אַלץ פאַרצוקט.





איצטער, קינדער, האַידאַ! שנעלער!
די אַלמָנה קומט פֿון קעלער! —
חֲבֿרה טראַכטען נישט קיין סך,
איינס און צוויי — אַראָפּ פֿון דאַך;
שטעלען פֿיס און מאַכען פּליטה,
פֿליהען גליקליכע, דערפֿרעהטע.

די אַלְמָנה קומט צו געהן.
געהט צום אויווען, – בלייבט זי שטעהן,
ווי פון דונערשלאָג דערשלאָגען;
און זי נעמט מיט טרערען קלאָגען:
„אַך אַנ'אומגליק איז געשעהן!
ווערה מיר, ווער איז דאָ געווען?!
אוי, איך חַלָש! איך געה-אויס!“ –

און עס פאַלען איר אַרויס
טעלער-לעפעל פון די הענט.
„אַך, ווער האָט עס דאָ געקענט
מיך אַזוי בענעמען מיאוס?!
אַך דאָס הינטעל! ער געוויס.
זיין מְלָאכה. אָ איך ווייס.“ –



כאַפּט די קאָך-לעפֿעל, און בייז
הויבט זי אָן דאָס הינטעל שלאָגען, –



נעמט דאָס הינטעל ביטער קלאָגען:
אַז עס ווייס נישט, וואָס צו זאָגען.
האַ-או! האַ-או! נעבעך גאָט
די נשמה שולדיג... ס'האָט
נאָר געזעהן אַ הוק פֿון אויבען
איז אַראָפּ און אַויפגעהויבען
דורכ'ן קוימען אַלע עופֿות.
טאַקע גאָר אַ מאָדנער מופֿת!

פלינק און שנעל, ווי פייל פון בויגען,
איז דאָס פּאָרעל זיך געפלויגען –
פרעהליך, לוסטיג, מיט געזאַנג,
און געטראָגען דאָס געפאַנג.
אין דעם וועלדעל זיך פאַרקליבען,
און די סעודה פיין געריבען.
אָפּגעגעסען דאָס געבראָטען –
לעגט מען זיך אַוועק אין שאָטען



מיט די בייכעלעך אַרויף,
אויסגעפּאַשעטע מיט עוף,
אַזש עס טאַרטשען נאָך די ביינדלעך
אין די מיילכלעך, פון די ציינדלעך!

איין מינוט – מען טראַכט שוין ווידער,
ווען מען אָפּטון קידער = ווידער,
אַ קאַטאָוועסעל אַ שענעם
און אַ שפּיצעל פאַר די שכנים.
איינס אַזאַ מין שטיפעריי
ווערט דערצעהלט אָט דאָ דערביי,
אין קאַפּיטעל נומער דריי.

דריטער קאַפּיטעל

דער שניידער און דאָס בריקעל.

אין עק שטעטעל, נעבען טייכעל,
וואוינט אַ שניידער – אַהרן שְׁלֹמֹה׳ס ;
וואוינט זיך אין זיין קליינעם שטיבעל,
טוט זיין אַרבייט זיך בִּשְׁלֵמוּת.

טוט און נייט און נייט כְּסֵדֶר,
איז זיך נישט קיין איבערקל ייבער.
נייט פון כל המינים קליידער,
אי פּאַר מאַנסביל, אי פּאַר ווייבער.
קען פון אַלץ אַייך איבערמאַכען,
ר׳איז אַ שניידער גאָר אַ גוטער ;
פון אַ קליידעל מאַכט ער הויזען,
פון אַ זשופּיצע – אַ פוטער.

היינט פאַר זיינס אַ לאַטקע-לעגען
ריהמען אַלע אים און לויבען.
און דערפאַר איז ער אין שטעטעל
שטאַרק ביי אַלעמען געהויבען.

אַט אַזוי זיך לעבט רב אהרן,
אַרבייט רוהיג, שטיל, אָהן ווערטער.
דאַכט זיך — וועמען קאָן עס אַרען,
וועמען רירט ער, וועמען שטערט ער?
נאָר די שטיפער נאָטעל, מאָטעל
ווילען גאָרנישט איבערקלייבען.
דוקא מיט דעם שטילען שניידער
ווילט זיך זיי קאַטאָוועס טרייבען.



און דער שניידער, ווי איר ווייסט שוין,
וואוינט זיך דאָרט אין עק פון שטעטעל,
וואוינט אויף יענער זייט פון טייכעל,
אויפ'ן טייכעל ליגט אַ ברעטעל.

אָט דאָס ברעטעל איז אַ בריקעל,
וואָס בעהעפט דיביידע ברעגען.
און דאָס ברעטעל האָט פערגלוסט זיך
זיי, די שקצים, איבערזעגען.



מאָטעל לויפט און ברענגט אַ זעגעל,
נאָטעל נעמט דאָס ברעטעל זעגען.
זעגט און לאָזט אַ שטיקעל איבער,
קוים עס האַלט זיך אויף די ברעגען.

לאָזט מען אָט אַזוי דאָס בריקעל,
ס'זאָל זיך האַלטען אויף מִשְׁקוֹלוֹת.
און אַליין דאָך נעמט מען שרייען,
פילדערן מיט קוֹלֵי־קוֹלוֹת:



שניידער, שניידער, נעם אַ שמאַטע,
נעם אַ שמאַטע, לעג אַ לאַטע,
לעג אַ לאַטע – פּאָפּוליאַטע,
פאַר דער מומען חַוה־זלאַטע!

און דער שניידער איז אַ שטילער,
קאָן די קולות גאָר נישט הערן:
אַז עס טומעלט אים אין מוח —
צו דער אַרבייט טוט אים שטערן.

כאַפּט ער דעם אַרשין פון אײַזן,
און די מאָס פון סאַמע רימען.
אָט, ער וועט זיי באַלד בעווייזן,
וואָס הייסט רייצען-זיך און קרימען!



לויפט דער שניידער אויפ'ן בריקעל,
הויבט דאָס בריקעל אָן צו זינקען!



בוך אין וואַסער! און דער שניידער
הויבט-זיך-אָן אין טייכעל טרינקען.



נאָר אַ נֵס נאָך: אַ פּאָר גענזלעך
זענען גראָד דערביי געשוואומען, —



אָנגעכאַפּט זיי פֿאַר די פּיסלעך
און צום ברעג אַרויסגעקומען.

מיט'ן לעבען גאַנץ אַפּילו.
די סַכָּנה שוין אַריבער.
וֹאָךְ פֿון אָט דער קאַלטער טבילה
וואַרפּט אים, נעבעך, ווי אין פיבער.



אויז דעם בויך פּאַרקילט געפּערליך –
נאָט דער האַר זאָל זיך דערבאַרמען!



קריכט עֶר, זעֶצט זיך א׳יפ׳ן אויווען,
זיך אַביסעל צו דעֶרוואַרמעֶן.



איז דאָס ווייב זיינס אָנגעקומען,
ווי עֶר איז אַזוי געֶזעסעֶן –
האָט זי גלייך דעֶם פּרעס גענומען
און דעֶם מאַן גענומעֶן פּרעסן.

פרעסט דעם בויך אים דעם פארקילטען,
און דער שניידער ווערט גענעזען.
אויס! ער פילט שוין נישט קיין ווייטאג,
און ער איז שוין ווי געוועזען.

זיצט שוין ווידער, לעגט א לאטקע;
לויבט זיין פלונית פאר איר מיטעל,
און דאס ווייב פאריכט די קלאדקע,
און א סוף צו דעם קאפיטעל.

פּירטער קאַפּיטעל.

דער פֿעטער און די זשוקעס.

סקאָצעל קומט! אַ גאַסט אַן׳אורח! —
מאָטעל׳ס פעטער חנה־בּרך
איז געקומען היינט צופאָהרען.
נישט געזעהן זיך שוין פון יאָרען —
נאָר פאַרגעסען האָט ער ברענגען
מאָטלען אַ מתּנה שענקען.
איז שוין מאָטעלע אין כּעס,
און ער טראַכט און זוכט אַ שפּאַס,
עפּעס אַ קאַטאָוועס מאַכען
און דעם פעטער אויסצולאַכען.



דאָרט אין סעדעל ביי דעם צוים
וואַקסט אַ יונגער קליינער בוים;
אויף די צווייגלעך, אויף די סוקעס
לעבען, ווידמענען זיך זשוקעס,
גאָטס בּהמה׳לעך און פליי
און נאָך בּרואים אַלערליי.

נאָטעל, מאָטעל – מאַרש אין גאָרטען
צו דעם יונגען בוימעל דאָרטען.
אָט דאָס בוימעל טרייסלען זיי,
פאַלען זשוקעלעך, ווי שניי.



פאַלען, פאַלען אָהן אַ שיעור.
קלייבט מען זיי אין אַ פאַפיר



און מען טראָגט, ווען קיינער זעהט,
שטיל און שאַ צום פּעטערס בעט.
מען פּאַרוקט עס אין אַ פּלאַץ -
דוקא אונטער'ן מאַטראַץ.
אָפּגעפּאַרטיגט מיט דעם שפּיל,
זעצט מען זיך אַנידער שטיל,
כּלומר'שט לייטיש, שען און פיין.
וואַרט מען, וואָס וועט ווייטער זיין.

אָוונדס - צו, אַביסעל שפּעטער
ווערט שוין שלעפעריג דער פּעטער,
געניצט, פּלאָנטערט מיט די פיס.
זאָגט אים מאָטעל כּלומר'שט זיס:
פּעטער'ל, עס איז שוין שפּעט,
ס'איז שוין צייט צו געהן אין בעט.
ס'קלעפּען אייך די אויגען צו;
געהט אייך, געהט אין אייער רוה.



פעטער בּרך – נישט געטראַכט –
זאָגט אין שטוב „אַ גוטע נאַכט!"
ווייס נישט פון קיין צער און קימער
געהט זיך רוהיג אין זיין צימער,
קריכט צו זיך אין בעט אַריין,
דעקט זיך מיט דער קאָלדרע איין.



לייענט קריאַת-שמע מיט געפיל –
און ער שלאָפט זיך רוהיג, שטיל.



פּלוצלונג, ווי ער שלאָפט אזוי,
ערשט פון וואַנען נעמט זיך, אוי
ס'קריכט אַ זשוקעלע אַ קליינס,
נאָך אים איינס און ווידער איינס.
באַלד - עס געהט אַ גאַנצע שורה,
פויזען צו דעם פעטערס צורה.



זעהט נאָר, ווערה מיר, וואָס איז דאָס?!
איינער כאַפּט אים ביי דער נאָז!

גיט דער פּעטער זיך אַ וועק,
כאַפּט־זיך־אויף אין ווילדען שרעק.
ס'פּויזען זשוקעס אין די מְאוֹת,
גראַבלען אים אין באָרד און פֵּאוֹת,
אויפ'ן פּנים, אויפ'ן קאָפּ.



שפּרינגט ער גיך פון בעט אַראָפּ,



כאַפּט אַ שטעק־שוך, נעמט זיך שטרייטען,



פּאָכט און שניידט אין אַלע זייטען.

הַרג'עט, מֵמית'ט אָהן רַחמָנות!
אַ מִלחָמה – אַ סַכָּנות!



און אַזוֹי געהט-אָן אַ שלאַכט,
געהט אַ שלאַכט אַ גאַנצע נאַכט.



ערשט באַגינען, נאָך דער נאַכט,
ווען געענדיגט ט׳זיך די שלאַכט,
און דער שטרייט איז שוין אריבער, –
האָט דער פעטער, ווי אַ גִבּור,
נאָך אַ העלדיש־שטאַרקען קריג,
שטאָלץ באַטראַכט זיין גרויסען זיג,

און אין בעט אַריין צוריק.
שלאָפט זיך ווידער, שלאָפט בשָלום,
און ער זעהט אַ זיסען חָלום.

פינפטער קאַפּיטעל.

דער בעקער.

וואוינט אין שטאָט אַ בעקער צאַלע,
באַקט ער בולקעס, זעמעל, חלה,
קוכענס, בייגעלעך און טאָרטען,
לעקעכלעך פון אַלע סאָרטען,
זיסע קאָרזשיקלעך צו טיי,
און געבעקס נאָך אַלערליי.
טרעפט אַמאָל, איר געהט פאַרביי
פאַר רב צאַלע׳ס בעקעריי,
טראָגט אַ ריח זיך אַ גוטער
פון געפּרעגעלט קעז און פוטער,
האָניג, צימערינג און ניס, –
ריחות ממש צוקער-זיס!

נאָטעל, מאָטעל האָבען לאַנג
שוין דעם אמת׳ען פאַרלאַנג
דאָרט אַהין אַריינצוקומען,
פון געבעקס וואָס צו באַקומען.
נאָר – וואָס קאָן מען אָבער מאַכען,
אַז דער בעקער טוט רק וואַכען,
היט געטריי די בעקעריי,
מיט דאָס גאַנצע נאַשעריי.
און אַז ס׳טרעפט, ער געהט אַוועק,
דאַן פאַרשליסט ער דאָס געבעק
מיט אַ גוטען שטאַרקען שלאָס,
ווי אַ גוטער בעל-הבית.



אײנמאָל מוז ער אײַליג לויפֿען
אויפ׳ן מאַרק דאָרט עפּעס קויפֿען:
קימעל, צימערינג, צי הייוועז
(ס׳האָט אים אויסגעפּעלט צום אויווען) –
האָט ער, ווי ער טוט זיך פּירען,
צוגעשלאָסען לאָד-און-טירען
און אַ שלאָס דאָרט אויפגעהאַנגען
און אין מאַרק אַוועקגעגאַנגען.

חֶברה געהען-אום אַהן זין:
געוואַלד, ווי קומט מען צו אַהין?
ווי באַקומט מען כאָטש אַ לעק
פון דעם טייערסטען געבעק?
קלערט מען, זוכט מען זיך אַ פּלאַן.
און אַ פּלאַן איז שוין פאַראַן:
דורכ׳ן קוימען דורכצוקריכען...



(שטיפּער קענען!) און איינגיכען.
גאָר אָהן טראַכטעניש אַ סך,
טוז! — מען איז שוין אויפ'ן דאַך.
און פון דאַך — אין קוימען — האָפּ!



פליט מען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ!
און מען פליט=אַרויס מיט רַעש,
אויסגעשמירט אין קויל און אַש;
זעהען=אויס, נישט=דאָ=געדאַכט,
שוואַרץ און ברודיג, ווי די נאַכט.



פֿון דעם קוימען — האָפּ! אין מעל

און זיי ווערען אויף דער שטעל
אויסגעקאָלכטע, ווייס, ווי מתים.



נאָר זיי אַכטען ניִשט דערויף
און זיי קלעטערן אַרויף,
קריכען אויף אַ שטול אַ הויכען, –
ווילען בייגעלעך דערגרייכען.



פלוצלונג, ווי מען קריכט אַזוי,
ברעכט-זיך-אַיין דער שטול אויף צוויי –



חֶברה גיט זיך באַן אַ לעג
אין אַ מולטער פול מיט טייג!



קוים מען קריכט פון דאָרט אַרויס;
ווי די שֵדים זעהט מען אויס.
בּרר!... חַלָשות... קלעפּיג... מיאוס...
קוים מען האַלט זיך אויף די פיס.
נאַס, פאַרגאָסען און פאַרליאַפּעט;
און די טייג – עס רינט און קאַפּעט.

דאָ דער בעקער קומט צוגעהן !...
לויפען ? — אַז מען קאָן קוים שטעהן !



און דער בעקער — נישט גערעדט,
כאַפּט זיי אויף, און אויפ'ן ברעט,
גיט אַ וואַלגער און אַ קנעט.



פון דעם ברעט – אַריין אין אויוועןן!
חַלוֹת צאַצקעס פאַר אַ מֵבין!



וואַקסען, באַקען זיך – אַ חִיוּת!
פאַרטיג, מאַכט ער קיינע שְהִיוֹת,
מיט דער לאָפּעטע – אַרויס!
קוילעטשעס גאַנץ ברוין און גרויס.

שטעלט זיי צו דער וואַנט אַנידער,
נעמט זיך צו דער אַרבעט ווידער.



קוועלט גאָר אָן פון קלוגען שטראָף –
מיינט, עס איז שוין זייער סוף.



דאָך די שקָצים לעבען נאָך
און מען עסט זיך אויס אַ לאָך,
פּיק און פּיק – מען שיילט-זיך-אויס
פון די קוילעטשעס אַרויס,

ווי די הינדעלעך פון איי,



אוּן וַיִּבְרַח! איינס אוּן צוויי!
פליען, לויפען, ווי די האָזען,
פוּסטע קוילעטשעס געלאָזען —
אוּן דער בעקער ־ בַּעַל ־ הַבַּיִת
בלייבט דאָ נעבעך מיט אַ נאָז.

זעקסטער קאַפּיטעל.

דער מילנער.

מיט'ן לעבען קוים אַרויס,
קוים אַרויס פון בעקער־הויז. —
דאָך די שְקָצים רוהען ניט.
אַך, זיי ווערען גאָר נישט מיד!
און מען נעמט שוין קלערען ווייטער
פון אַ שפּיצעל, נאָך פאַרשייטער;
ווידער שאַרפט מען שוין די ציין,
ועמען אָפּצוטון אין ביין.



און אַ פּלאַן איז דאָ אַ נייער:
געהן אין שָכֵן שָלום'ס שייער!
דאָרטען שטעהען זעק מיט קאָרן —
איז עס זיי אין אויג אַ דאָרן.
נעמט מען מעסערס — שאַרפע שטעכער,
און מען שניידט אין זעק אויס לעכער.

איצט באַהאַלטען זיך די שטיפער
אין אַ בערגעל תבואה טיפער;
אין דעם בערגעל דאָרט פאַרקראָכען
און מען שמייכעלט מיט נצחון
און מען קוקט־אויס אויפ׳ן שכן:
וואָס ט׳ער מיט די זעקלעך מאַכען?
ס׳וועט, מסתּמא, זיין צום לאַכען!



איז געקומען רבי שלום.
ווייס נישט פון קיין פותר־חלום,
ווייס נישט פון קיין צער און צאָרן —
הויבט ער אויף דעם זאַק מיט קאָרן
אויפ׳ן פּלייצע און ער וויל
שויז צוטראָגען אים אין מיל

צו דעם מילנער ר׳ ישראל׳ן,
דאָרט דאָס קאָרן צו צעמאָלען,
מעל צו מאַכען דין און פיין —
ברויט צו באַקען זאָל עס זיין.
רבי שלום מאַכט אַ טריט,
ערשט פון הינטען שיט און שיט!



אויסגעשטאַטען זיך ניש׳קשה,
ווערט אים חידוש׳דיג און קשה:
וואָס איז דאָס מיין זאַק מיט קאָרן
פלוצלינג אַזוי גרינג געוואָרען?



קוקט ער זיך אַרום טשיקאַווע
דאָ און דאָרטען, ערשט כּך הוה:
עמיץ האָט דעם זאַק צעשניטעז,
כּדי דאָס קאָרן זאָל זיך שיטען!



וועמעס אַרבייט איז עס פּאָרט?
אַך, אָן זיצען זיי דאָך דאָרט!
אין דעם ווינקעל-שייער דריבען,
דאָרט איז תּבואה זיך פאַרקליבען.

אַך, יונגאַטשעס. עַכבּרושים!
איך דערקען אַיך, שטאָט-קונדסים!

קומט אַקאָרשט אין זאַק אַריין! —
און ער פּאַקט זיי ביידען אַיין.

טראָגט צום מילנער רב ישראל'ן.
דאָרטען וועט ער זיי צעמאָלען,
זיי צעמאָלען און צערייבען,
ס'זאָל פון זיי קיין זכר בלייבען!
געהט ער, שלום, געהט און געהט,
טראָגט דעם זאַק אין מיל מיט פרייד;
רופט פון ווייטען אויפ'ן קול:
עי-עי! מילנער, רבי ישראל!



זעט נאָר, וואָס איך האָב געבראַכט!
קומט, זייט מוחל, און באַטראַכט, —
קאָרן פון אַ נייעם מין.
נאָ'מיר עס צעמאָלען דין!

קומט דער מילנער גלייך אַרויס,
הייסט דאָס זעקעל מאַכען לויז, –
זעהט ער, וואָס די זאַך באַטייט:
ס'ליגען דאָ די חברה־לייט!

כאַפּט ער זיי, און טראַכט נישט פיל,
מיט דעם זאַק אַריין אין מיל,
אויסגעטרייסעלט זיי אין כּוס —
בּיידע יונגען מיט איין שאָס!
לאָזט די רעדער דרעהען, טרייבּען
און די שטיינער מאָלען, רייבּען.



שוין צעמאָלען זיי אויף מאָן –
קערנער, ווי איר קוקט עס אָן.





איצטער קומען ענטלעך צוויי,
פּיקען, פּיקען, עסען זיי.



אויפגעגעסען, איינגעשלונגען, —
און אַ סוף שוין צו די יונגען!

דער סוף.

ווען דאָס שטעטעל האָט דערהערט
ווי דער מילנער האָט פאַרצערט
די יונגאַטשעס, זיי צעמאָלען,
האָבען אַלע אָנגעקוואָלען.
די אַלמָנה חַיה־שָׂרה
האָט גע׳טַענה׳ט: „אַ כַּפָּרה!
מיך באַ׳גַזֶל׳ט און באַנומען,
איז אויף זיי אַ סוף געקומען!“...
אויך דער שניידער גִעבען טייכעל,
וועלכער האָט פאַרזוכט דעם מַאכל
פון אַ נאַסער קאַלטער וואַנע,
זאָגט איצט: „בָּרוּך שֶׁפְּטָרַנִי!“
און דער פעטער חָנא־בֵּרך
איז צופרידען גאָר אָהן עֶרֶך:
„מיך געפלאָגט מיט זשוקעס, פליגען, –
איצטער וועל איך רוהיג ליגען“.
אויך דער ווירט פון בעקעריי
האָט גאָר אָפּגעאָטעמט פריי:
„איצטער – זאָגט ער – בין איך זיכער
פון די נאַשער, קוימען־קריכער!“

און דער שָכן פונ׳ם קאָרן,
אים האָט אויף געשטילט דער צאָרן:
„אויס! — זאָגט ער. — אַ סוף, אַנ׳עק!
דאָס איז זיי פאַר מיינע זעק!“ —
און אַזוי אין יעדען הויז
זעהט מען אַ נקָמה גרויס
אָן די חֶברה׳ניקעס־ווייסע...
און אַ סוף צו אונזער מַעשה.

ראַפּעלע מיט די גענז
פון ווילהעלם בוש
יודיש פון טונקעלען

דער
ראבען־נעסט
פון ווילהעלם בוש
יודיש פון טונקעלען